MRJ MOI

**Tract de « Solidarité »(M.O.I.) en yiddish annonçant les prochaines rafles et enjoignant aux Juifs de se cacher et de rejoindre la Résistance (fin juin 1942).**

A9
I 15

## צו די יידישע פאלקס-מאסן אין פראנקרייך.

**דער סוינע גרייט צו אן אומגעהויערן פארברעכן קעגן דער יידישער באפעלקערונג.**

**מוטיק און שטאלץ צום קאמף צוזאמען מיטן גאנצן פראנצויזישן פאלק פאר אונזערע רעכט אויף לעבן און פרייהייט!**

CENTRE DE DOCUMENTATION
auprès de l'Union des Juifs
pour la Résistance
et l'Entr'aide
14, Rue de Paradis, PARIS

**ברידער און שוועסטער!**

מיט עטלעכע וואכן צוריק האבן די מערדער פון דער געסטאפא אונז אויפגעצוואונגען צו טראגן די געלע לאטע. זיי האבן געגלויבט אזוי ארום אויפהעצן קעגן אונז דאס פראנצויזישע פאלק און אזוי ארום פארפעסטיקן זייער אונטערדריקונג-סיסטעם. אבער זייער כעשבן איז געווען א פאלשער. דאס פראנצויזישע פאלק האט אין דער געלער לאטע געזען א סימפטאם פון זייער בארבארײ און אויסגעדרוקט די יידן זייער מענטשלעכע סימפאטיע און סאלידאריטעט.

אין אנבליק פון דער דאזיקער מאפאלע גרייטן זיך די היטלעריסטן איבערצוגיין צו א נייער אפענסיווע קעגן די יידן. לויט ידיעס, וואס מיר באקומען פון זיכערע קוועלעס, וועלן די דייטשן, אין דער נאענסטער צייט, ארגאניזירן א גוואלטיקע אבלאווע און דעפארטאציע פון יידן. דורך א פארשטארקטן טעראר קעגן די יידן ווילן די היטלעריסטן צוגרייטן א באדן פאר א נאך שטארקערער אונטערדריקונג פון גאנץ פראנקרייך. די אויסראטונג פון די יידן דארף זיין א ווארענונג פאר די פראנצויזן, וואס שטעלן זיך אנטקעגן דער פארשקלאפונג פון זייער לאנד און ווילן לעבן ווי פרייע מענטשן און בירגער.

ברידער יידן! די געפאר איז א גרויסע. מיר האלטן פאר אונזערע גרעסטע פליכט אייך צו ווארענען. די היטלער-באנדיטן זיינען גרייט צו אלע פארברעכנס. <u>פארמאכן די אויגן אויף דער טראגישער ווירקלעכקייט איז גלייך צו זעלבסטמארד. עפענען די אויגן, דערקענען די געפאר, מיינט צו רעטונג, צו ווידערשטאנד, צום לעבן.</u>

די פראגע, וואס שטעלט זיך פאר יעדן ייד, איז וואס צו טאן, קעדיי ניט אריינצופאלן אין די הענט פון די ס.ס.-מערדער? וואס טאן, קעדיי צוצואיילן זייער סאף און מיין באפרייונג? אט, וואס יעדער יידישער מאן, יעדע יידישע פרוי, יעדער יידישער יוגנטלעכער דארפן טאן:

1) ניט ווארטן אין שטוב אויף די באנדיטן, אנעמען אלע מיטלען זיך אויסצובאהאלטן און קודעם קאל די קינדער מיט דער הילף פון דער סימפאטישער פראנצויזישער באפעלקערונג;

2) האבנדיק גאראנטירט די אייגענע פרייהייט, זיך אנשליסן אין א פאטריאטישער קאמף-ארגאניזאציע, קעדיי צו שלאגן דעם בלוטיקן סוינע און נעמען נעקאמע פאר זיינע פארברעכנס;

3) אויב מען פאלט אריין אין די הענט פון די מערדער, שטעלן א ווידערשטאנד מיט אלע מיטלען: באריקאדירן די טירן, רופן צו הילף, זיך שלאגן מיט דער פאליציי. מען האט ניט וואס צו פארלירן. בעהיטן קאן מען דאס לעבן. זוכן אומאויפהערלעך צו אנטלויפן.

קיין איין ייד דארפט ניט פאלן קיין קארבן פון דער בלוט-גיריקער היטלער-כאיע. יעדער פרייער און לעבעדיקער ייד איז א זיג איבער אונזער סוינע. ער דארפט ניט, טאר ניט און וועט ניט דערגרייכן אונזער אויסראטונג.

אויף די שלאכט-פעלדער פון ראטנפארבאנד מאכט איצט דער טויטלעך-פארוואונדעטער פאשיזם קאנוואלסיווע אנשטרענגונגען אין געראנגל מיט דער אומבאזיגבארער רויטער ארמײ, אין וועמענס רייען יידישע סאלדאטן, אפיצירן, גענעראלן און פארטיזאנען באוואונדערן די וועלט מיט זייער העלדישקייט. אבער דער אורטייל איבערן

./.

Tract, juin 1942 © MRN-Champigny_coll. UJRE

https://museemrjmoi.com